HARVARD UNIVERSITY LIBRARY FEB 27 1959

חודשריפט פאר ליטעראטור קריטיק און סאציאלע פראבלעמען

(פארגרעסערטער נומער, 24 זייטן)

פרייז 400 פר.
(אויסלאַנד: 35 סענט)

# היימיש

רעדאַקטאָר משה גראָסמאַן
קאָרעספּאָנדענץ־אַדרעס: ת. ד. 345, רמת־גן
תל־אביב
אָקטאָבער 1957
תשרי, ערב־יום־כּיפּור
תשי״ח
נומער 5 (16)

דניאל טשאַרני „סיני״־שפּיטאָל, באָסטאָן

(אַ טאָג נאָך יום־כּיפּור ווערט דניאל טשאַרני 70 יאָר אַלט. מיר ווינטשן אים נאָך לאַנגע יאָרן אַ געזונט און שעפעריש לעבן —
רעד. „היימיש״)

## זיבעציק יאָר מיינע *

די זיבעציק יאָר מיינע — דאָס זענען זיבעציק נסים
פון מיין אומגעדיכטן ווונדער־וואַנדער־לעבן —
וויל זיך היינט די גאַנצע וועלט באַגריסן:
— מזל טוב! מיט מזל זאָלט איר לעבן!
זיבעציק יאָר מיינע, ווי זיבעציק שווערע לאָגלען,
אָנגעפילט מיט ווײַנען פון יאָרציַיטן און בריתן —
ס׳איז דאָך גוט אַזוי צו אַלע וועלט־קרעטשמעס צו וואָגלען,
און פון אַלע ווײַנען אונטערוועגס געניסן.
זיבעציק יאָר מיינע, ווי זיבעציק קראַנקען־שוועסטער,
וואָס יעדערע פון זיי איז ענלעך צו מיין מאַמען.
האָב איך פון זיי גענאָסן דאָס שענסטע און דאָס בעסטע
און כ׳האָב זיי אויך פאַראייביקט אין פערזן און אין גראַמען.
זיבעציק יאָר מיינע, ווי זיבעציק קראַנקען־שוועסטער,
שווימען מיר אַנטקעגן מיט פולע שנאָבלען טרויער,
כ׳איז דאָך אויך אין שוואַנען־ליד אַ טרייסט פאַראַנען:
צדלערס שווימען נישט אין וואַסערן, אין בלויע.
זיבעציק יאָר מיינע, ווי זיבעציק הויכע לייטערס
הויבן מיך נאָך העכער פון מיין אייגן לעבן —
וועל איך היינט נישט זאָגן יזכור נאָך די טויטע,
וועל איך בעסער זאָגן: מיט מזל זאָלט איר לעבן!

*) מיין יובליי־ליד שרייב איך שוין איבער צום דריטן מאָל: צום 50־טן, צום 60־טן און איצטער — צו מיין 70־טן געבורטסטאָג. צי וועלן מיינע 70 לייטערס מיך הויבן נאָך העכער און העכער — בין איך אין דעם שטאַרק מסופּק. כ׳מיין אָבער, אַז כ׳האָב דערגרייכט נאָך מער חיפל כ׳האָב זיך פאַרגעשטעלט. על כן, ווינטש איך אייך אַלעמען געזונטע, שעפערישע יאָרן און דערמאָנט מיך צום גוטן. אייער אַלעמענס
דניאל טשאַרני

## היום הרת עולם

יידיש: ראָזאַ נעוואָדאָווסקאַ (ניו־יאָרק)

(פון די תפילות)

היינט איז דער טאָג פון וועלט־געבורט. היינט ווערט געשטעלט צו־משפט יעדע באַשעפעניש פון די וועלטן. סיי די קינדער, סיי די קנעכט. אויב ווי קינדער — דערבאַרעם־זיך איבער אונז מיט רחמנות פון אַ טאַטן איבער קינדער. אויב ווי קנעכט — זענען אונזערע אויגן צו דיר געווענדעט, ביז דו וועסט אונז דערבאַרמהאַרציקן, און וועסט ברענגען ווי ליכטיקייט אונזער משפט, שרעקלעכער און הייליקער.

ש. ז. שרגאַי / ירושלים

## די פרייהייט אין מדינת ישראל צו זיין אויך - גוים...
## אין גלות טאַפּטשעט אפילו די קדושה ־ אין טומאה...
### א געווער וואס איז נאך אלץ נישט פארזשאווערט - תשובה און מעשים טובים...

(אַ בינטעלע ימים־נוראים־געדאַנקען)

חשבון־הנפש

א׳

לעבט ער זיין אייגן לעבן? פון די טיפענישן פון זיין אייגענער נשמה? אָדער זיין אַרט לעבן און ער — זענען צוויי באַזונדערע זאַכן? צי לעבט ער לויט זיין אינערלעכן נשמהדיקן ווילן, אָדער ווי עס דיקטירט אים די אומגע־בונג? איז ער משועבד צו זיך, אָדער צו פרעמדע? איז ער אַ בן־חורין אָדער אַן עבד?

ב׳

אויך דאָס פאָלק מאַכט זיין היסטאָרישן חשבון־הנפש. האָט עס געלעבט זיין אייגענעם איך, אָדער געלעבט אַ פרעמד לעבן? וואָס זענען זיינע צילן פאַר וועלכע ס׳האָט געלעבט עקשנותדיק, טראָגן דעם וואָס עס האָבן אים גע־פעלט די מלוכהשע אַטריבוטן? אויף וויפל האָט עס זיך דערנענטערט צו זיינע צילן — וואָס פאַר זיי, צוליב זיי איז כדאי געווען אַמאָל, איז כדאי היינט זיך אַזוי פיל צו פּייניקן און מאַטערן?!

ג׳

דער אינערלעכער אומרו ביים יחיד ווי ביים פאָלק, די אינערלעכע אומצופרידנקייט; דאָס זוכן נייע וועגן ווי־אַזוי בעסער צו מאַכן דעם אַצינד; די בענקשאַפט און שטרעבונג צו בעסערס, העכערס און שענערס ווי דער היינט דאָס זענען אַלץ סימנים פון חשבון הנפש ביים יחיד און ביים כלל. דאָס זענען סימנים אַז דער טיפער אינערלעכער איך, דאָס פינטעלע־ייד פונעם יחיד און פונעם פאָלק, זענען נאָכנישט געקומען צום פולן אויסדרוק.

ד׳

ביים חשבון־הנפש שטויסן מיר זיך אָן אין צוויי אַרט חשבונות: עס טרעפט ווען דער מענטש אָדער דאָס פאָלק, דערווייטערן זיך פון זייער אייגענעם איך, פאַרפרעמדן זיך צו אים אַזוי ווייט, אַז מען הערט שוין אויף צו פילן אַז מען

(המשך אויף זייט 2)

תל־אביב, אָקטאָבער 1957 ; תשרי, ערב־יום־כיפור תשי״ח

וואָלף יונין / ניו־יאָרק

# „איך האָב פיינט דעם טויט ווי דעם טויט"

## ביי א. לוצקיס לוויה

די לעצטע אַנדערהאַלבן צענדליק יאָר האָט דער דיכטער א. לוצקי אויסגעמיטן צו קומען אויף אַ לוויה: צי דאָס איז געווען זיין אינערלעכער פחד פאַרן טויט (ער איז געווען אַ האַרץ־קראַנקער), אָדער דערפאַר וואָס די באַנאַלקייט פון שטאַרבן און די נאָך־גרעסערע אומאָריגינעלקייט פון אַמעריקאַנער לוויות איז אים געוואָרן הערווידער — ער איז נישט געקומען.

לעצטן זונטיק ,דעם 15טן סעפּטעמבער 1957, איז אהרון לוצקי געווען ביי אַ לוויה, נאָר שוין נישט קיין לעבעדיקער — כאָטש קיינער וועט נישט גלויבן אַז דער דאָזיקער לעבעדיקסטער פּאָעט איז טאַקע אַוועקגעשטאָרבן מיט 2 טעג פריער: פרייטיק פאַרטאָג י״ז, תשי״ז.

מיטוואָך פאַרנאַכט איז ער געקומען אין רעדאַקציע „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל" און האָט, ווי זיין טבע, סערווירט דעם לוצקישן שמייכל באַגלייט פון „האַלאָ, יידישע שרייבערס". באַלד דערנאָך איז ער אַריין אין דערבייאיקן קאַפּעהויז, וווּ די יידישע שרייבערס קומען אַריין פון די רעדאַקציעס און זייערע היימען צו כאַפּן אַ ביס און אַ וואָרט אין מויל אַריין. ביי אַ טישל האָט ער פאַר קאָלעגן פאָרגעלייענט דאָס ליד, וואָס ער גיט איבער דעם דרוקער צו פאַרענדיקן זיין נייעסטן לידער־בוך. דאָס בוך דאַרף אַרויס פון דרוק די טעג. אָבער דאָס דאָזיקע לעצטע ליד מיט וועלכן לוצקי האָט פאַרענדיקט זיין קאַפּיטל אויף דער וועלט — איז פאַרענדיקט.

### איך וויל נישט שטאַרבן

פון א. לוצקי

גאָט, דו ביסט מיין עדות:
איך וויל נישט שטאַרבן.
איך האָב פיינט דעם טויט, ווי
דעם טויט,
און לעבן האָב איך ליב ווי דאָס
לעבן.
„יענע וועלט" — פאַר מיר —
אַ צו־רואיק אָרט.
מיין גייסט — איז נישט פאַר
דאָרט...
איך האָב ליב טומל,
רעש, קוראַזש,
מיט גלוסטן אַ באַגאַזש,
מיט צאַצקעס אין טאַש,
אַנטאַזיעס מיש־מאַש...

איך — בין אַ דאָ'ער,
און דאָ — וויל איך דאָען,
שעהן נאָך שעהן,
אין אייביקן טוען...
אַ פאַרקאָכטער אין לעבן
מיט לייב און מיט לעבן
וויל איך לעבן.
אַז סע פאַלט מיר גאָרנישט איין
צו וועלן „יענע וועלט".
ווער איז דער „יענע וועלט"
געווען ?
איך קען עס נישט.
איך ווייס עס נישט
איך וויל עס נישט וויסן.
אפשר ווילן שטאַרבן

די יאָכצער, די קרעכצער, די
בראָכצער.
איך — בין נישט קיין יאָכצער,
איך — בין נישט קיין
קרעכצער,
איך — בין נישט קיין
בראָכצער.
איך — בין אַ זינגער,
אַ לעבנס־באַזינגער,
אַ פריייד־צעקלינגער.
איך זינג פון לעבן,
פון שוועבן,
פון שטרעבן,
ווי קומט צו מיר שטאַרבן ?!
איך האַלט אינמיטן פאַרשן
אַ שטויבעלע,
אַ מילבעלע, אַ מענטש !...
פאַר מיר — יללה, קללה,
חרמה — טמא !
איך בין לויטער בענטש !...
אפילו ווען אויף יענער „וועלט"
זיץ איך אין „גן עדן",

אַן צער, אָן ליידן — וויל איך
נישט ריידן,
וויל איך זיך פון אים געשיידן
כל זמן איך לעב...
ווייל איך — וויל לעבן — כל
זמן
די וועלט איז פאַראַן
דערנאָך — וועל איך וועלן
ערשט נאָך...
ווי קאָן איך וועלן שטאַרבן —
אז איך וויל גאָר לעבן !
איך האָב נישט קיין כוח צו
שטאַרבן !
איך האָב קוים כוח צום לעבן !
אַ רגעלע נחת
אויפסניי באַנייע
איז ליבער און שענער
פון דער שענסטער לוויה...
גאָט, איך וויל נישט קיין לחיה !
מיטן לעבן — בין איך זיך
מחיה !

אוודאי וועלן זיך באַלד אַ שאָט געבן קריטישע אָפּהאַנדלונגען און „אַנאַליזן": „לוצקי דער דיכטער", „לוצקי דער מענטש", „לוצקי דער פאַרלייענער", „לוצקי דער חבר" — ווי דער שטייגער איז: נאָכן טויט איז דער מת די לעבעדיקסטע טעמע צו שרייבן. למען האמת מוז מען אָבער זאָגן, אַז א. לוצקי האָט געקראָגן די וואַרעמסטע אויפנאַמע ביים אָנקומען אין דער יידישער ליטעראַטור און במילא איז דאָס אַרויסבאַגלייטן אים אויך געווען מיט געהעריקע און פאַרדינטע וואַרעמקייטן.

פונדעסטוועגן בעט זיך ממש צו דערמאָנען די קאָלעגן, וואָס מערסטע פון זיי זענען פראָסט־צעביסן פון דער ניו־יאָרקער „וואַרעמקייט" אין דער יידישער ליטעראַטור, אַז ווען אפילו זיי דערוואַרט שוין יאָ ס'ביסל אָנערקענונג ביי אַ לוויה, זאָלן זיי אויפהערן צו שטאַרבן: בעסער איבערלעבן די ווינטערס, איידער אַריינשטאַרבן דעם פראָסט אין די הענט אַריין. מע וואָלט, אָן שאַדן צום פאָלקסווערטל, געקאָנט פאַראַפראַזירן, אַז „קלוג איז דער, וואָס ווערט געבאָרן אין צייט און נאָך קליגער איז דער, וואָס ווייסט ווען נישט צו שטאַרבן — פאַר יידישע שרייבער איז איצט די סאַמע אומפּאַסיקסטע צייט איבערצולאָזן אונזער וועלט אויף הפקר.

לוצקיס אָרט אין דער יידישער פּאָעזיע ? — דאָס באַזונדערע אָרט וואָס ער האָט פאַרנומען, פאַרנעמט און וועט ווייטער פאַרנעמען, בלייבט זיינס.

זיין גרעסטער פאַרדינסט ? — דאָס וואָס ביי אים איז אַמווינציקסטן פאַרלאָרן געגאַנגען פון געדאַנק־קערנדל ביזן ווערטער־זאַנג. אפילו זיין אויסברענגערישקייט (אין שפּעטערדיקע יאָרן) און פריי־גיביקייט ביים דרוקן צייטונגס־לידער, וואָס האָבן דעוואַלואירט זיין עכטע ליטעראַרישע גאָלד־וואַליוטע, האָבן פון לוצקין נישט געמאַכט קיין אָרעמאַן. זיינע נאַטירלעכע גאָלד־גרובן, פונוואַנעט ער האָט געשעפּט מיט אייגענע געצייג, זענען נאָר אויף אַזויפיל אָרעמער געוואָרן, אויף וויפל ער האָט זיך געלאָזט נאָכגעבן זיין קינדישן יצר־הרע ביים צעבייטן די גילדענע לידער־

(המשך אויף זייט 4)

י. ראַפּאַפּאָרט / מעלבורן

# איצט קומט דער הלל הגדול...

ריקודה פּאָטאַש האָט אין „תּימיש" (יולי־אויגוסט) אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל (אַן אַרטיקל? אַ הלל הגדול!) פאַר אַשן.

עס איז איצט (ביי שלום אַשס טויט) אַ שעת הכּושר פאַר אַזעלכע אַרטיקלען.

עס איז אַ שעת הכּושר צו פאַרשטיינען די, וועלכע האָבן אַשן קריטיקירט, און עס איז אַ שעת הכּושר נישט נאָר זיך פאַנאַנדערצולאָזן אומזשעניִרט מיט וויסטער מליצה, נאָר אויך מיט מאַכן בילבולים אויף ייִדן:

„איר האָט אים נישט געוואָלט שענקען — שרייבט ריקודה פּאָטאַש — קיין איין שבת פון די דאָזיקע שבתים, וועלכע ער האָט געמאָלן..." „ייִדן, ייִדן! אייערע גרויסע מענטשן גייען אַרום פאַראיינזאַמטע אויף דער ערד!"

גרויסע מענטשן גייען אַרום פאַראיינזאַמטע אויף דער ערד נישט נאָר ביי ייִדן — ביי אַלע פעלקער. און אויב אַש איז טאַקע אַ גרויסער מענטש געווען, איז ער געווען אַן אויסנאַם פונעם כּלל. זאָגן אַז מיר האָבן אַשן נישט געוואָלט שענקען קיין איין שבת פון די דאָזיקע שבתים, וואָס ער האָט געמאָלן, איז נישקשה פון אַ גוזמא, איז אַ בפירושער בלבול אויף אונז ייִדן.

ביז די קריסטלעכע ביכער, איז כּמעט נישט געווען קיין איין בוך, ווי שלעכט און אומזיניק עס זאָל נישט זיין, וואָס האָט נישט באַקומען קיין הלל הגדול. אפילו „מאָסקווע" (פון דער טרילאָגיע) און „גאָטס געפאַנגענע" האָבן באַקומען אָוואַציעס, וואָס זענען נישט געווען פאַרדינט אין דער קלענסטער מאָס. וועגן די גוטע ווערק זיינע איז דאָך אָפּגערעדט! אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר האָט מען פאַר שלום אַשן געפּראַוועט איין אומאויפהערלעכן שבת!...

אויב מען האָט מיט עפּעס געזינדיקט לגבי שלום אַשן פון פאַרן מתן־קריסטנטום, איז דאָס גראָד געווען מיט דעם אומקריטישן צוגאַנג צו אים און צו זיינע שוואַכסטע ווערק.

איך האַלט אפילו אַז אָט די אומקריטישקייט האָט געשפּילט אַ פאַטאַלע ראָל אין אַשס טראַגעדיע פון זיינע לעצטע יאָרן. אומקריטישע קריטיק שפּילט אַ פאַטאַלע ראָל אין לעבן פון יעדן שריפטשטעלער, בפרט אינעם לעבן פון אַ שלום אַש, וואָס איינער פון זיינע גרעסטע פעלערן איז געווען דער אַבסאָלוטער מאַנגל אין קריטישן חוש.

אַ שאַרפערע — און במילא גערעכטערע — קריטיק וואָלט פאַרן יונגן און מיטליאָריקן אַש געווען זיין אַ גוטע רפואה, אַ גוט פאַרהיטונגס־מיטל קעגן זיין קרענקען אויף זיין דערנעענטערונג מיטן קריסטנטום — ער איז פּשוט פאַרפירט געוואָרן צום גלויבן, אַז יעדער אימפּולס זיינער איז תורת לאָקשן, אַז יעדער קאַפּריז זיינער איז אַ קליין־מתן־תורה.

געוויס האָט אַש פאַרמאָגט פונקען פון אַ גרויסן ליטעראַרישן טאַלאַנט, אָבער סיי צוליב זיינע איינגעבוירענע פעלערן און סיי צוליב דער שימלדיקער פייכטקייט אין אונזער ליטעראַטור, האָבן די דאָזיקע פונקען נישט באַוויזן אָנצוצינדן אַ העל פייער פון קונסט אין שלום אַשס שאַפן.

אין משה גראָסמאַנס הספּד־אַרטיקל וועגן אַשן (אין זעלבן נומער „היימיש"), — אַן אַרטיקל וואָס איז אויך היפּש־מליצהדיק, — האָט מ. ג. געמאַכט אַ ביז גאָר זינפולן שפּראַך־טעות. ער שרייבט: „...די ווערק (זיינע) זענען פאַרשניטן מעכטיק..."

מ. ג. מיינט דאָ אָנשטאָט „פאַרשניטן" — צוגעשניטן, אָבער דער טעות איז אויפן אָרט: אַש האָט געוואָלט צושניידן זיינע ווערק ברייט און מעכטיק, אָבער די גרעסטע טייל פון זיי האָט ער ביים צושניידן פאַרשניטן, נישט צו פאַרדיכטן.

אָט דאָס האָבן פאַרזען אַ סך — די מערסטע — הלל־זינגער פון אַמאָל און זידלער פון היינט, און דאָס פאַרזעען אויך די אַבסאָלוטע הלל־זינגער פון היינט, וואָס איינע פון זיי איז ריקודה פּאָטאַש.

מיר האָבן אַ ליטעראַטור אָן אַ קאַמערטאָן, און אונזער געזאַנג איז אָפט — אַ געגרילצט...

---

## יונין וועגן א. לוצקי

(המשך פון זייט 3)

רענדלעך אויף פּאַפּירענע לידער־באַנקנאָטן. אָבער ער האָט געהאַט דעקונג — זיין טאַלאַנט — און איז געווען זיין אייגענער שאַצקאַמער־מייסטער. אפילו דער דאָזיקער „חטא" איז נישט זיינער. שולדיק אין דעם איז אונזער אָרעמאַנסקע מערכה אין דער ייִדישער ליטעראַטור: מיר האָבן כּל המינים שרייבערס פון אַלע קאַליבערס, מיר פאַרמאָגן אילערליי זשורנאַלן און צייטונגען, מיר גיבן אפילו אַרויס —אונטער די אומגלויבלעכסטע באַדינגונגען — ביכער: נאָר מיר פאַרמאָגן נישט קיין איינציקן רעדאַקטאָר אָן פּרעמדצייכנס, צי געגנזינפּיסלעך. אונז, לכל הפּחות, איז נישט באַקאַנט פון די לעצטע 3—4 צענדליק יאָר, אַז עס זאָל האָבן געלעבט אָדער געשטאָרבן אַזאַ עכטער רעדאַקטאָר, וואָס זאָל כּולל זיין אין זיך יענע נויטיקע טאַלאַנטן, חושים, קענטשאַפטן און — ועל כּולם — דעם קרישטאָלענעם קוק אויף וואָרט און זיין שאַפער.

איז ווען אין אַזאַ ליטעראַרישן קלימאַט גייט אויף אין דער ליטעראַטור אַזאַ דיכטער פון לוצקיס געשטאַלט, מוזן מיר נאָך מער שטוינען — סיי פון דעם פּאָעטישן אַרויסריס אין דער ייִדישער וועלט אַריין און סיי פון זיין רעזערוו־כּוח צו קענען פאַרבלייבן לוצקי ביז דער לעצטער רגע פון אַלע זיינע לידערישע לעבנס.

פּשטלען וועגן לוצקיס איינגעבאָרענער קלוגשאַפט אין די לידער קאָן נאָר הערפירן צו נאַרישע דיבורים. ס'איז דוכט מיר, אַן עבֿירה צו ציטירן זיינע לידער, וואָס מוזן געלייענט ווערן בלחש און אויף אַ קול ביז זיי ווערן צוריק הוילער, קלוגער געדאַנק, שׂכל־ליד פון כּולו הארץ, ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל נישט קלונגען. און אַזוינס האָט געקענט נאָר 1 (איין) לוצקי.

די גרעסטע איראָניע פון א. לוצקיס אָוועקגיין איז וואָס ס'לייגט זיך נישט אויף די ליפּן דער „עליו השלום", ווייל ס'איז רעכט ער זאָל זיך געבן אַ באַוויז און אַ זאָג־טון:

„ייִדן, הערט!
איך — א. לוצקי עליו
השלום —
קום ערשט פון יענער „יענע
וועלט"
פון אַ וואָרט־קאָנצערט
ביי די זכרונו לברכהקע,
נישטאָאיקע טויטראַזויִאיקע.

אַ טויטע וועלט — די יענע
וועלט — נישטאָ
צו ווערמען אויסריידן אַ וואָרט.
פאַר מיר — אַ צו־רואיק אָרט
— דאָרט.
איך קאָן נישט שטאַרבן, נאָר
מוז לעבן — דאָ".